אַנדערן, אונטערצושיידן גייסטער; אַן אַנדערן,
מינים לשונות; און אַן אַנדערן, פֿאַרטייטשונג
11 פֿון די לשונות; דאָס אַלץ אָבער ווירקט איין און
דער זעלביקער רוח (הקודש), וועלכער טיילט אויס
יעדן איינעם באַזונדער, ווי ער וויל·
12 וואָרום ווי דער גוף איז איינער, און האָט אַ
סך אבֿרים, און די אַלע אבֿרים פֿונם קערפּער, (הגם)
זיי זענען אַ סך, זענען איין גוף; אַזוי אויך איז דער
13 משיח· וואָרום אין איין גייסט זענען מיר אַלע
געטובֿלט געוואָרן צו איין גוף, סײַ ייִדן סײַ גריכן,
סײַ קנעכט סײַ פֿרײַע (מענטשן); און מיר זענען
14 אַלע אָנגעטרונקען געוואָרן מיט איין גייסט· דען
15 דער גוף איז נישט איין אבֿר, נאָר אַ סך· אויבֿ דער
פֿוס זאָל זאָגן: ווײַל איך בין נישט קיין האַנט, געהער
איך נישט צום קערפּער, געהערט ער דען נישט
16 צוליבֿ דעם צום קערפּער? און אויבֿ דאָס אויער
זאָל זאָגן: ווײַל איך בין נישט קיין אויג, געהער איך
נישט צום קערפּער; צי געהערט עס דען נישט צוליבֿ
17 דעם צום קערפּער? אויבֿ דער גאַנצער גוף וואָלט
געווען אַן אויג, וואו וואָלט געווען דער חוש השמיעה?
און אויבֿ ער וואָלט אינגאַנצן געווען שמיעה, וואו
18 וואָלט געווען דער חוש הריח? איצט אָבער האָט
ג־ט געזעצט די אבֿרים, יעדעס איינע פֿון זיי אין
19 דעם גוף אַזוי ווי ער האָט געוואָלט· און אויבֿ
אַלע וואָלטן געווען איין אבֿר, וואו וואָלט געווען
20 דער גוף? איצט אָבער זענען עס טאַקע אַ סך אבֿרים,
21 נאָר איין גוף· און דאָס אויג קען נישט זאָגן צו דער
האַנט: איך דאַרף דיך נישט האָבן; אָדער ווידער דער
22 קאָפּ צו די פֿיס: איך דאַרף אײַך נישט האָבן! נאָר
להיפּך, די אבֿרים פֿונם גוף, וואָס שײַנען אויס צו
זײַן די שוואַכערע, זענען (גראָד) נייטווענדיק·